# די הייליגע טעג אין די שווערע צייטן

## ביי רביה"ק מסאטמאר זי"ע



פון: נ. י. האניג

### א שופר פאר אידישע סאלדאטן

ערב די ימים נוראים פון שנת תש"ג, זענען פילע אידן אין אונגארן שוין געווען מאביליזירט צו צוואנגס ארבייט אין מונקא-טאבאר, וואו זיי האבן געמוזט שווער ארבייטן פאר'ן אונגארישן מיליטער אין די וועלדער און פעלדער. פילע האבן זיך געפונען אין ווייטע לענדער אין אוקראינע אויף פראנטן פון די מלחמה מיט די רוסן. ווידער אנדערע זענען געבליבן ארבייטן אין לאנד, אבער מ'האט זיי נישט אהיים געלאזט, און זיי האבן געמוזט פארברענגען די ימים טובים אין די פעלדער צוזאמען מיט די רשעים פון די אונגארישע ארמיי.

דער סאטמארער רבי זי"ע אין זיינע דרשות די הייליגע טעג ר"ה, יוה"כ און הוש"ר, האט זיך שטארק מתמרמר געווען, און ער האט מעורר רחמים געווען אויף די צרות ישראל, אז פילע פון אחב"י גייט זיי אויס דאס הארץ צו קענען קומען אין בתי כנסיות און בתי מדרשות צו הערן שופר און דאווענען אין ביהמ"ד, און זיי קענען נישט. ער האט זיך אויסגעדריקט מיט'ן לשון, "זיי זענען וואו זיי זענען, צווישן ערלים און טמאים". דער רבי פלעגט מעורר זיין רחמי שמים, אז זיי זאלן שוין זוכה זיין אהיימצוקומען פון זייער ביטערן גלות צוזאמען מיט די שכינה, וואס איז צוזאמען מיט זיי אין גלות.

עטליכע טעג פאר ר"ה תש"ג, איז געקומען צום רבי'ן אין שטוב א איד וואס איז געווען מאביליזירט אין מונקא-טאבאר, און האט זיך אויסגעגאסן זיין ביטער הארץ אז ער איז מאביליזירט צוזאמען מיט אנדערע אידן אין מיליטער און ער ארבייט אויף די פעלדער נעבן די שטאט באניע, און זיי האבן נישט קיין שופר. דער גענעראל האט אים ערלויבט ער זאל ארייניפארן אין א דערנעבנדיגע שטאט פארשאפן א שופר כדי צו קענען בלאזן ר"ה. איז ער געקומען קיין סאטמאר בעטן פון רבי'ן דער רבי זאל אים געבן א שופר, ער זאל קענען דערמיט בלאזן כדי מוציא צו זיין אלע אידישע סאלדאטן וואס זענען דארט פארשטויסן געווארן.

דער רבי האט געהייסן איינעם פון זיינע מקורבים, הרה"ח ר' משה מאיר וויינבערגער ע"ה, וועלכער האט געוואוינט אין סאטמאר, ער זאל אים אהערגעבן דאס זעקל מיט זיינע שופרות. אינעם זעקל זענען געלעגן צוויי



KolSatmar.com

שופרות. איינס איז געווען א שווארצער שופר, וואס עס איז געווען א שווערער שופר צו בלאזן, און דער אנדערער איז געווען א ווייסליכער שופר וואס עס איז געווען לייכטער צו בלאזן. דער רבי מיט זיין אהבת ישראל האט געוואלט געבן פאר יענעם סאלדאט דעם לייכטערן ווייסליכן שופר, און פאר זיך איבערלאזן דעם שווערערן שופר אויף ר"ה. ר' משה מאיר האט אבער גע'טענה'ט אז דער רבי ברויך דאך אויך בלאזן ר"ה מיט א שופר, און דער שווארצער שופר איז זייער שווער צו בלאזן. דער רבי שטרענגט זיך דאך אייביג זייער שטארק אן ביי תקי"ש, דעריבער בעט ער אז דער רבי זאל ענדערש איבערלאזן דעם לייכטערן שופר, און ער זאל זיי געבן דעם שווערערן שופר.

מיט זיין רחמנות'דיג הארץ אויף אידן, האט דער רבי אבער געוואלט לייכטער מאכן פאר די אידישע סאלדאטן, און זיי געבן דעם לייכטערן שופר, אבער ר' משה מאיר האט זיך פעסט געהאלטן ביי זיינעם, און צוריקגעהאלטן דעם רבי'ן דערפון מיט די טענה, דער רבי איז דאך א שליח ציבור פאר גאנץ כלל ישראל, ער איז מוציא אויך דעם עם שבשדות וואס קענען נישט בלאזן, ממילא מוז דעם רבינ'ס קול שופר זיין שטארק און פעסט, דארף דער רבי ענדערש האבן א לייכטן שופר צו בלאזן. ווידער די סאלדאטן וועלן קענען יוצא זיין אפילו אויב עס וועט פאר זיי נישט געלונגען צו בלאזן אלע מאה קולות מיט דעם שווערערן שופר.

ר' משה מאיר האט מצליח געווען איבערצורעדן דעם רבי'ן, און דער רבי האט פאר זיך איבערגעלאזט דעם לייכטערן שופר צו בלאזן. דער רבי האט פאר דעם אידישן סאלדאט איבערגעגעבן דעם שווארצן שופר און אים געזאגט, "הער מיך אויס, דער שופר וואס איך גיב דיר איז א שווערער שופר, איך וועל דיך אבער אויסלערנען ווי אזוי צו בלאזן דערמיט". דער רבי האט אים געוויזן ווי אזוי זיך צו באנוצן מיט'ן שופר. ער האט אים געזאגט, "פאס גוט אויף ווי אזוי איך ווייז דיר, דאן וועלן די קולות התקיעות זיין קלאר און שיין".

דער סאלדאט איז צוריקגעגאנגען מיט דעם שופר צו זיין מיליטערישע קאזארמע, ער האט געפאלגט דעם רבינ'ס עצות, און עס איז אים געלונגען צו בלאזן שיינע גוטע תקיעות.

נאך די ימים טובים האט ער צוריקגעברענגט דעם שופר פאר'ן רבי'ן, און ער האט דערציילט אז ר"ה ביי תקי"ש, זענען אין מונקא-טאבאר געווען עטליכע אנשים מכובדים וואס מ'האט זיי מכבד געווען צו בלאזן די תקיעות. זיי האבן עטליכע מאל פרובירט צו בלאזן מיט דעם שופר די תקיעות. עס איז זיי אבער נישט געלונגען צו בלאזן מיט דעם שווערן שופר, מ'האט אינגאנצן נישט געהערט דאס קול. האב איך געוואונקען מ'זאל מיר געבן דעם שופר און איך וועל פרובירן צו בלאזן. איך האב געטאן גענוי אזוי ווי דער רבי האט מיך אויסגעלערנט, אזוי האב איך געבלאזן, און עס זענען טאקע ארויסגעקומען שיינע קלארע תקיעות מיט א שטארקן קול שופר. (דאס האט דערציילט ר' משה מאיר'ס זון, ר' וואלוויש ווינבערגער ע"ה פון בארא פארק.)



## ראש השנה תש"ג אין סאטמאר

טראץ די שווערע צייטן, מיט די רדיפות פון די רעגירונג קעגן אידן, האבן טויזנטער אידן אין אונגארן, רומעניע, אין טשעכיי און אנדערע ארומיגע לענדער זיך מוסר נפש געווען צו קומען צו פארן קיין סאטמאר צום רבי'ן אויף יו"ט, זיך מסתופף זיין בצ"ק אין די הייליגע טעג, און שעפן חיזוק אין די שווערע צייטן. עס איז געווען זייער שווער דורכצוקומען די גרעניצן פון אנדערע לענדער קיין אונגארן, און דאך האבן פילע אידן מצליח געווען אנצוקומען קיין סאטמאר.

עס האט דערציילט הרה"ח ר' נחמי' געלב ע"ה, אז אין יאר תש"ב, איז ער געווען מאבילי זירט, און האט באקומען אויף חודש תשרי אורלויב אויף א קורצע צייט, מ'האט אים געלאזט אהיימפארן, האט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט צו פארן קיין סאטמאר צום רבי'ן. ווען ער איז אנגעקומען צו די גרעניץ פון אונגארן, האט ער געטראפן דארט ווארטן א גרויסן עולם חסידים וואס האבן געזוכט א געלעגנהייט צו קענען דורכגיין די גרעניץ, אבער מ'האט זיי נישט געלאזט. איז ער אריינגעגאנגען צו די וואך-פאליציי וואס האבן געהיטן די גרעניץ, און ער האט געטראפן די פאליציאנטן ווען זיי האבן געפרעסן און געזויפט, האט ער ארויסגענומען א גרעסערע סומע געלט און זיי געגעבן ביד רחבה זיי משחד צו זיין, האבן זיי פאר אים גלייך אונטערגעשריבן א וויזע, ער זאל קענען דורכגיין די גרעניץ, און אזוי איז ער אנגעקומען קיין סאטמאר.

ווען ער איז אנגעקומען קיין סאטמאר און ער האט שלום גענומען פון רבי'ן, האט ער דערציילט פאר'ן רבי'ן אז ער האט אונטערגעקויפט די פאליציי ביי די גרעניץ פאר א סאך געלט, האט דער רבי אים געזאגט אז ער האט דערמיט געטאן א דבר גדול, ווייל ער האט דורכדעם געעפענט די גרעניץ אויך פאר אנדערע אידן. א קורצע צייט שפעטער זענען טאקע אנגעקומען א סאך חסידים וואס האבן געווארט ביי די גרעניץ צו קענען אריינקומען קיין סאטמאר. זיין שוחד האט געהאלפן פאר די אלע חסידים.

## ר"ה תש"ג שחל להיות בשבת

יענעם ר"ה האט דער רבי אויסערגעווענליך מעורר געווען רחמי שמים אין זיינע תפילות און די דרשות. עס איז געווען קענטיג ווי דער רבי רייסט איין הימלען פאר א ישועה פאר כלל ישראל.

דער רבי פלעגט אין סאטמאר ר"ה צוערשט גיין האלטן א דרשה אין די גרויסע שטאט-שוהל פון די אשכנזים, און ער פלעגט דארט אויך בלאזן שופר, און ערשט דערנאך איז ער געגאנגען צו די תפילות און תקיעות אין זיין ביהמ"ד. ווי באקאנט איז דער מנהג ביי די אשכנזים אז דער גאנצער עולם טוט אן קיטלען אויך אין ר"ה.

אין זיין תקי"ש דרשה האט דער רבי דאן מרעיש עולמות געווען, אז מיר דארפן זיך מתבונן זיין אז מיר גייען היינט אנגעטאן אין קיטלען, וואס דאס איז א בגד מתים וואס נאך די 120 טוט מען אן דעם בר מינן א קיטל. דאס דארף אונז מעורר זיין לתשובה. ליידער זענען היינט דא טויזנטער אידן וואס זענען ליידער אומגעקומען אין די פעלדער און וועלדער. זיי האבן אפילו נישט זוכה געווען צו קומען צו קבר ישראל מיט א קיטל. אויב מיר האבן נאך יא די זכי' דערוייל אנצוטאן די קיטלען, דארפן מיר אויסנוצן די געלעגנהייט מעורר זיין רחמי שמים אויף אלע אידן און אויך אויף אונז, אז מיר זאלן זוכה זיין ניצול צו ווערן מכל צרה וצוקה, און מיר זאלן שוין זוכה זיין צו די גאולה שלימה. ביי די ווערטער האט אויסגעבראכן שטורמישע בכיות פון די גאנצע שוהל.

אין זיין דרשה ר"ה אין זיין אייגענעם חסיד'ישן ביהמ"ד, וואס דער רבי האט געהאלטן פאר'ן לייענען אפילו ווען ר"ה איז געפאלן אום שבת, האט דער רבי ווייטער



KolSatmar.com

מעורר געווען רחמי שמים אז אין זכות פון שבת זאלן אידן אויפגעראכטן ווערן.

דער רבי האט מסביר געווען מיט א משל, אז דווקא דורכדעם וואס ר״ה שחל להיות בשבת בלאזט מען נישט קיין שופר, ערשט דעם מארגנדיגן טאג, איז עס מסוגל פאר די ישועה. עס איז א משל צו איינעם וואס איז געשטאנען פאר א שווערן משפט, עס האט אים געווארט א שווערער גזר דין ח״ו. זעלבסטפארשטענדליך אז ער איז געשטאנען פול מיט ציטער, ווער ווייסט ווי אזוי מ׳וועט אים פאר׳משפט׳ן. ווען ער האט געזען זיין ביטערן מצב, אז ער האט ווייניג מליצים און גוטע אדוואקאטן, און די ריכטער רישן זיך ארויסצוגעבן אויף אים א שווערן גזר דין, האט ער זיך אנגעהויבן בעטן ביי זיי,ווארט צו נאך א טאג, וועל איך מארגן ברענגען פרישע ראיות און עדות פאר מיין גערעכטיגקייט. מארגן וועל איך ברענגען די עדות פאר די שופטים דאן וועט איר זען אז איך בין גערעכט, און איר וועט ארויסגעבן מיין משפט צום גוטן.

דאס זעלבע איז דער נמשל. עס איז ידוע וואס עס שטייט אין זוה״ק (פ׳ פנחס), אז דער ערשטער טאג ר״ה איז דינא קשיא, און דער צוויטער טאג ר״ה איז דינא רפיא, א לויזערער דין. איז זעלבסטפארשטענדליך, אז אין ערשטן טאג, ווען מ׳משפט מיט א שווערן דין איז דער פחד זייער גרויס ביי יעדן, מי יאמר זכיתי לבי טהרתי מחטאי, ווער ווייסט צי מ׳וועט ארויס גערעכט אין דעם יום הדין הגדול והנורא. אלע יארן ווען ר״ה פאלט אויס אין וואכן טעג, בלאזט מען שופר און דער מדת הדין ווערט איבערגעדרייט צו רחמים.

אויב ר״ה פאלט אבער אום שבת האט מען דאך נישט דעם כח פון שופר וואס זאל ממתיק זיין די דינים, בעטן־מיר זיך צו הקב״ה ער זאל רחמנות האבן אויף אונז, ער זאל נישט היינט ארויסגעבן דעם פסק דין, נאר ער זאל צוואווארטן ביז מארגן, ווען מ׳וועט בלאזן מיט א שופר, און אזוי וועט מען ארויסגיין זכאי בדין. צומארגנס וועט מען דאך שוין האבן אויך די זכותים פון די עבודה ותשובה און די תפלות פון כלל ישראל פונעם ערשטן טאג, און אינעם צווייטן טאג ר״ה איז דאך שוין דינא רפיא, וועט מען דאן גיכער קענען ארויסגיין זכאי בדין אפילו אויב מ׳איז נישט ווערט. קומט אויס אז דאס וואס די חז״ל האבן מתקן געווען מ׳זאל נישט בלאזן שופר ווען דער ערשטער טאג ר״ה פאלט אום שבת, איז גאר א גרויסע טובה, ווייל דורכדעם ווערט דער פסק דין אויפגעהאלטן ביז דעם צווייטן טאג.

דער רבי האט דערמיט געטייטשט דעם פסוק זכרון תרועה מקרא קודש, מקרא קודש מיינט א יו״ט. דורכדעם וואס ר״ה פאלט אום שבת איז עס נאר ״זכרון תרועה״, מ׳בלאזט נישט קיין שופר, דורכדעם איז עס א ריכטיגער יו״ט, מקרא קודש, ווייל מ׳ווערט דורכדעם גע׳משפט הערשט אינעם צווייטן טאג ווען עס איז שוין דינא רפיא. דער רבי האט דאן מאריך געווען מיט מליצות ישרות אויף כלל ישראל, כדרכו בקודש.

## דער איבערפאל פון די אונגארישע זשאנדארן

די צווייטע נאכט ר״ה, ווען מ׳האט געהאלטן אינמיטן מעריב אין ביהמ״ד, און צוליב׳ן מלחמה מצב האט מען נישט געלאזט ברענגען קיין לעקטער, נאר ארום דעם עמוד האט געברענט די ליכט נעבן בעל תפילה. פילע האבן זיך געשטופט נעבן דעם עמוד כדי מ׳זאל קענען זאגן ״ותודיענו״ ביי שמו״ע וואס מ׳זאגט ווען יו״ט פאלט אויס מוצ״ש, איז פונקט דאן דורכגעגאנגען א גרופע סאלדאטן אויף די גאס פון ביהמ״ד. ווען זיי האבן אריינגעקוקט און געזען אז דער עולם גרופירט זיך נעבן דעם עמוד, האבן זיי חושד געווען אז מ׳ארגאניזירט א רעוואלוציע. זיי האבן אריינגעשאסן קוילן מיט זייערע רעוואלווערס אין ביהמ״ד, און זענען אריינגעקומען מיט א גרויסן טומל. זיי האבן אויסגערופן אז דא איז א גרופע רעוואלוציאנערן וואס שטיצן די רוסישע קאמוניסטן!

פארשטענדליך אז עס איז געפאלן א שרעקליכער פחד אויף אלע מתפללים, יעדער איז אנטלאפן וואו מ׳האט נאר געקענט, כדי זיך אויסצובאהאלטן פון די רשעים. די פאר וועמען ס׳איז נישט געלונגען צו אנטלויפן האבן די זשאנדארן געכאפט און געשטעלט אין די זייט, און שטרענג אונטערזוכט זייערע פאפירן. זיי האבן זיי געלאזט שטיין בערך דריי שעה. די זשאנדארן האבן ארויסגענומען 15 מענטשן און זיי געפירט אין זייער קאסערנע אויף אויספארשונגען.

צווישן די ארעסטירטע איז געווען דעם רבינ׳ס משב״ק, הרה״ח ר׳ פייוויש אשכנזי ז״ל הי״ד. מיט אים צוזאמען איז מיטגעגאנגען הרה״ח ר׳ עזריאל גליק ע״ה, דער שפעטערדיגער משב״ק, וועלכער איז נאך דעמאלט געווען א בחור. ר׳ פייוויש האט געכאפט מכות רצח, מ׳האט אים צוגענומען זיינע שיך און ער האט געמוזט אהיימגיין בארוועס. ר׳ עזריאל דערציילט אז אונטערוועגנס צו די קאסערנע האט ער אנגעכאפט ר׳ פייוויש׳ס הענט און געגאנגען צוזאמען. דער זשאנדאר האט געהאט א ביקס, און מיט די ביקס געהאלטן אין איין שמייסן ר׳ פייוויש׳ן, וועלכער האט געליטן און געשוויגן. האט ר׳ עזריאל רחמנות געהאט אויף ר׳ פייוויש׳ן, און אים געזאגט, איך בין דאך נאך יונג, וועל איך קענען מער ליידן. לאמיר זיך טוישן, איך וועל שטיין נעבן דעם זשאנדאר. ווי נאר זיי האבן זיך געטוישט, פונקט דאן האט דער רשע באשלאסן איבערצוטוישן די מענטשן, צו שלאגן דעם אנדערן, און אזוי איז ער צוריקגעקומען צו ר׳ פייוויש׳ן און אים ווייטער געשמיסן.

פאר עטליכע מענטשן האבן די רשעים אפגעשוירן די פיאות און די בערד און דערביטערט מיט אנדערע פייניגונגען. די עסקנים פון שטאט האבן זיך אריינגעלייגט מיט שתדלנות ביי די רעגירונג צו באפרייען די ארעסטירטע. ענדליך נאך פילע שתדלנות האט מען זיי באפרייט. בשעת מ׳האט זיי באפרייט פון די קאסערנע, זענען זיי דורכגעגאנגען א קארידאר וואו עס זענען געשטאנען זשאנדארן פון ביידע זייטן און זיי געשמיסן אן רחמנות. נאך עטליכע שעה ליידן זענען זיי באפרייט געווארן.

דער רבי האט דאן נאכנישט געהאט געדאוונט קיין מעריב, כדרכו בק׳ אין די מיטלנאכט צו דאווענען שפעט מעריב. ער איז געווען באהאלטן ביי זיך אין צימער מיט פחד. ער איז געזעסן אין אן ענגען צימער אין די טונקל. עטליכע בחורים זענען ארויפגעקומען אין שטוב צו היטן דעם רבי׳ן. איין בחור האט אריינקומענדיג בטעות א ריר געטאן דאס קנעפל פונעם לעקטער, און עס האט זיך אנגעצונדן די לעקטער אין רבינ׳ס צימער. דער רבי איז אויסערגעווענליך אויפגעברויזט געווארן פון דעם חילול יו״ט, און ער האט א געשריי געגעבן, וואס איז דאס אז מ׳איז מחלל יו״ט? האט דער בחור געענטפערט, אויף דער גאס שיסט מען מענטשן. האט דער רבי צוריק געשריגן, ״און אז מ׳שיסט ברויך מען שוין פארגעסן פון באשעפער?״

דער רבי האט געקווענקלט צי ער זאל אריינגיין אין ביהמ״ד דאווענען מעריב אין אזא צייט, און ער האט באשלאסן צו בלייבן דאווענען ביי זיך אין צימער. דער מנין איז באשטאנען פון בלויז בחורים, עס איז נישט געווען דארט קיין בעל תפילה. דער רבי האט געזוכט ווער עס זאל צוגיין צום עמוד, האט איינער פון די בחורים פארגעשלאגן, אפשר וועלן מיר האבן די זכיי׳ אז דער רבי אליין זאל דאווענען מעריב. האט דער רבי געענטפערט, איך פיר מיך נישט צו דאווענען



מעריב פאר'ן עמוד אין מיטל נאכט.

באין ברירה האט דער רבי געהייסן איינעם פון די בחורים, הרה"ח ר' יוסף ראזענבערג ע"ה (שפעטער אין לאנדאן-וומסב"ג), אז ער זאל צוגיין צום עמוד, און דערביי אים געזאגט, אויב דו וועסט אמאל מיט די צייט דערציילן די מעשה אז דו האסט געדאוונט ביי מיין מנין ר"ה פאר'ן עמוד אלס בחור, זאלסטו דערציילן די גאנצע מעשה בשלימות, וואס עס איז געווען די סיבה פארוואס דו האסט געדאוונט פאר'ן עמוד. איך וויל נישט מ'זאל קלערן אז איך לאז א בחור פאר די חתונה דאווענען פאר'ן עמוד יו"ט ר"ה.

שפעטער ווען דער עולם איז צוריקגעקומען פון די קאסערנע צעקלאפט און צעביילט, איז צוגעגאנגען צום רבי'ן איינער פון די חסידים, א מלמד פון קלויזנבורג, וועלכער איז געווען אינגאנצן צעביילט פון קאפ ביז פיס, און געפרעגט דעם רבי'ן א שאלה צי ער דארף גומל בענטשן אז ער איז ארויסגעקומען לעבעדיגערהייט פון די רשעים. האט דער רבי אים געענטפערט, איצט איז די גאנצע צייט אן עת צרה, אויב ברויך מען גומל בענטשן, דארף מען יעדן טאג באזונדער גומל בענטשן אז די רשעים הרג'ענען נישט אויס אלע אידן. דער רבי האט אים גע'פסק'ענט אז ער זאל בענטשן גומל אן שם ומלכות.

דעם צווייטן טאג ר"ה פאר תקי"ש, האט דער רבי ווידער געהאלטן א שטורמישע דרשה כדרכו בק', אינדערהיים צו זאגן דרשות ביידע טעג ר"ה. צווישן די דברי התעוררות וואס דער רבי האט דאן געזאגט, האט ער זיך געבעטן אז דער עולם זאל זיך נישט פארלאזן אויף אים, נאר יעדער זאל אליין מעורר רחמים זיין, מיט א משל. מענטשן זענען געפארן מיט א שיף אינמיטן ים, פלוצלינג האבן זיי געזען אז די שיף האט באקומען א לאך און דאס וואסער הייבט אן אריינצושטראמען. עס איז געווען א שרעקליכע סכנה אז די גאנצע שיף וועט איינזינקען. האבן אלע מענטשן פון די שיף זיך צוזאמענגענומען צום קאפיטאן, און געשריגן געוואלד, וואס וועט זיין מיט אונז, און אים געבעטן אז ער זאל זיי העלפן. האט דער קאפיטאן זיי געענטפערט, פארלאזט אייך נישט אויף מיר. איך אליין קען אייך גארנישט העלפן, מיר האבן נישט קיין עצה, נאר אלע צוזאמען לאמיר זיך אנשטרענגען מיט אלע תחבולות ווי אזוי צו פארריכטן די שיף און פארשטאפן דעם לאך, כדי מיר זאלן קענען בשלום אנקומען צו אונזער ציל.

דער רבי האט אויסגעפירט דעם נמשל, מיר זענען זיך צוזאמענגעקומען אין דעם היילגן טאג, בעטן ביים רבש"ע, עס איז אן עת צרה, די שיף פון כלל ישראל האלט ביים זינקען אין דעם שטורמישן ים. בעט איך אייך, איר זאלט זיך נישט פארלאזן אויף מיר. איך אליין קען גארנישט טאן, נאר אלע צוזאמען זאלן מיר זיך בעטן ביים לעבעדיגן באשעפער, דער כח הרבים איז זייער גרויס, הן ק-ל כביר לא ימאס. עס שטייט אין זוה"ק אז אפילו ווען בלויז איין שוהל טוט תשובה קענען זיי ברענגען די גאולה. לאמיר זען צוזאמען זיך אויסצוגיסן אונזערע הערצער פאר'ן באשעפער, און בעטן אז ער זאל אונז העלפן פון אונזערע צרות און אונז אויסלייזן מיט א גאולת עולם בב"א.



דער רבי האט מאריך געווען בדברי התעוררות און מליצות ישרות, מיט וואס ער האט אויסערגעווענליך מעורר געווען דעם גאנצן ציבור וואס איז סיי ווי געווען צעבראכן פון די שווערע לאגע. די יללות אין ביהמ"ד האבן געשפאלטן הימלען.

ס'האט דערציילט דער פאיער רב זצ"ל, אז אנהויב שנת תש"ג האט זיין פאטער, הגה"צ רבי יחזקאל שרגא וויינבערגער זצ"ל הי"ד, באזוכט דעם רבי'ן, און מ'האט געשמועסט איבער דעם שווערן מצב און די האפענונג אז מיר זאלן שוין זוכה זיין צו א שנת גאולה. ווען דער פאיער רב האט זיך אויסגעדריקט, אז ביז איצט איז געווען א סאך רמזים פאר א שנת גאולה, אזוי ווי אויף שנת תש"א שטייט אין תולדות יעקב יוסף אויפ'ן פסוק כי תשא את ראש בני ישראל, און תש"ב איז געווען א רמז אז עס איז שנת שב"ת, און למעשה האט מען אין די יארן נישט זוכה געווען צו די גאולה, און אויף שנת תש"ג טרעפט מען עפעס נישט קיין רמזים. האט דער רבי געזאגט, השי"ת זאל העלפן אז משיח זאל נאר קומען. דעמאלס וועל איך שוין טרעפן די רמזים אז דאס יאר איז א שנת גאולה.

אין א תשובה, וואס דער רבי האט געשריבן אין שנת תש"ג צום מונקאטשער דיין הגאון רבי נטע שלמה שליסל זצ"ל (געדרוקט אין שו"ת דברי יואל, חיו"ד סי' ק"א), שרייבט דער רבי א רמז אויף דעם יאר תש"ג, ישועה קרוב"ה לפ"ק.


ועלטענע געלעגנהייט

מקוה טהרה

דא אין ברוקלין · חרדישע געגנט

האלט ביים פארענדיגט ווערן אין די קומענדיגע חדשים – מען זוכט א נדבן פאר די בור טבילה.

דער זכות איז געוואלדיג גרויס, און די סגולות זענען גאר באקאנט להושע בבני חיי ומזוני וכל מילי דמיטב.

נ.ב. עס זענען אויך פארהאן געלעגנהייטן פאר קלענערע נדבות אדער הנצחות.

רופט

646-980-8850

90% גרייט!

העלפט זיין גרייט אויף סוכות